מ. ווינער ממו״ס געזאמלטע ווערק באַנד III
(מאסקווע: עמעס, 1935)

## באמערקונגען צו „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי“

די ראָליע פון די פאַנטאַסטישע ריטער־ראָמאַנען, וואָס פון זיי שעפּט סערוואַנטעס דאָן קיכאָט „קאָנקרעטן“ מאַטעריאַל פאַר זײַן צעדרייטן וועלט־בילד, שפּילן באַ ביניאָמינען אין מענדעלעס „מאַסאָעס“ די פאַרשיידענע מיטלעלטערלעכע העברעיִשע אָדער ייִדיש־איבערגעזעצטע און צווישן די מאַסן פאַרשפּרייטע רײַזע־באַשרײַבונגען, פאַנטאַסטישע ביכער וועגן געאָגראַפיע, וווּ ס׳געפינען זיך אויך מעשונעדיק פאַרקריפּלטע לעגענדאַרישע ידיעות וועגן זאָאָלאָגיע, באָטאַניק, עטנאָגראַפיע אאַוו. אין פאַרלויף פון זײַנע נסיעות און פון זייער באַשרײַבונג ציטירט אויך ביניאָמין (פונקט ווי דאָן קיכאָט די ריטער־ראָמאַנען) די דאָזיקע ביכער, פון וועלכע ער האַלט, אַז זיי זײַנען אַ פאַרגלויביקטער בעסטער וועגווײַזער פאַר אַלע זײַנע טריט. פונקט ווי דאָן קיכאָט, האָט אויך ביניאָמין צו קעמפן קעגן אויסגעטראַכטע מעניִעס, און איז לאַכלוטן בלינד בענעגייע די עמעסע געפאַרן, וואָס לאָקערן אַף אים. ביידע אָריענטירן זיך אַף פאַנטאַסטישע אויסטראַכטענישן, פאַנטאַזירן אַף דער וואָר און פאַלן אַרײַן אין די קאָמישסטע און שווערסטע סיטואַציעס.

---

צו דער פאָלקסטימלעכער מיטלעלטערלעכער ליטעראַטור, וואָס האָט געשפּײַזט ביניאָמינען דעם דריטן מיט נײַסטע און נייטיקסטע ידיִעס פאַר זײַן גרויסער נסיִע, געהער אויך די אָזויגערופענע „רײַזע־באַשרײַבונג פון ביניאָמין פון טודעלאַ“. דער דאָזיקער ביניאָמין פון טודעלאַ איז דאָס, לויט מענדעלעס מיין, ביניאָמין דער ע ר ש ט ע ר. מענדעלעס „מאַסאָעס“ איז קלוימערשט נאָכגעמאַכט לויטן סטיל פון די דאָזיקע „מסעות בנימין מטודלה“.

ביניאָמין פון טודעלאַ (אין קאַנט נאַוואַרע, שפּאַניע), אַ באַוווּסטער ייִדישער וועלט־רײַזנדער אין XII יאָרהונדערט, האָט זײַן רײַזע־באַשרײַבונג ניט אַליין געשריבן. אַן אַנאָנימער שרײַבער האָט זי צונויפגעשטעלט לויט נאָטיצן, וואָס ביניאָמין פון טודעלאַ האָט זיך געמאַכט אין פאַרלויף פון זײַנע (מיסטאָמע סאָכרישע) נסיִעס און האָט זיי געבראַכט אין יאָר 1173 קיין קאַסטיליע. זײַן נסיִע האָט געדויערט 13

יאָר, 1160—1173, זײַנ מארשרוט איז געווענ: סאראגאָסא, בארסעלאָנא, מאָנפּעליע, איטאליע, גריכנלאנד, קאָנסטאנטינאָפּאָל, סיריע, פּאלעסטינע, מעסאָפּאָטאמיע, באגדאד — אונ צוריק: כוזיסטאנ, אינדישער אָקעאנ, יעמענ, עגיפּטנ, סיציליע, שפּאניע. ביניאָמינ פונ טודעלא איז, ווי פאר יענער צײַט, געווענ א גענוג געבילדעטער מענטש, האָט געהאט אינטערעס אונ פארשטענדעניש פאר א סאכ זאכנ, וואָס ער האָט אפּ זײַנע נעסיעס געזעעב, אונ אויכ א באשטימטנ פארשטאנד פאר געשיכטע. דעריבער האָט זײַנ בוכ א געווינסנ ווערט אלס היסטאָרישער קוואלנ־מאטעריאל פאר דער דעמלטיקער פּאָליטישער געאָגראפיע, פאר די דעמלטיקע האנדלס־וועגנ, עקאָנאָמיק, פּאָליטיק אונ קולטור, באזונדערס פאר דער געשיכטע פונ די ייִדנ אינ יענער צײַט; פאר „ביניאָמינ דעמ דריטנ" זײַנעו צָבער די דאָזיקע קוואלנ פונ XII יאָר־הונדערט — די סאמע נײַסטע נײַס, דער פארלאָזלעכסטער פירער אפּ זײַנ ווײַטנ וועג! ביניאָמינ פונ טודעלאס רײַזע־באשרײַבונג ווערט דורכנ אנאָנימענ שרײַבער געפירט אינ נאָמענ פונ ביניאָמינ. נאָכמאכנדיק דעמ דאָזיקנ נוסעכ, שרײַבט אויכ מענדעלע אינ „מאסאָעס": אָמאר ביניאָמינ — זאָגט ביניאָמינ אאוו. די דאָזיקע „מאסאָעס" פונ ביניאָמינ „דעמ ערשטנ" זײַנעו צומ ערשטנ מאָל געדרוקט געוואָרנ אינ קאָנסטאנטינאָפּאָל, אינ יאָר 1543. א ייִדישע איבערזעצונג איז צומ ערשטנ מאָל געדרוקט געוואָרנ אינ אמסטערדאמ 1691: „דיזי זײַן דיא רײַזי פון רבי בנימין טודעלענס רופא, וועלכי ער דורך די דרייא עקין פון דען עולם געמאכט האט". א לאטײַנישע אויסגאבע איז צומ ערשטנ מאָל דערשינענ 1575 אינ אנטווערפּנ. העברעיִשע אויסגאבעס אינ XIX יאָרהונדערט: אינ לעמבערג 1859, ווארשע 1884 אאוו.

דאָס איז, הייסט דאָס, געווענ ביניאָמינ דער ע ר ש ט ע ר.

ביניאָמינ דער צווייטער, וועלכנ מענדעלע דערמאָנט אינ זײַנ האקדאָמע צו „מאסאָעס" (זע אויבנ ז. 77), איז אויכ געווענ א ייִדישער וועלט־רײַזנדער, וואָס האָט אינ עמעסנ געהייסנ יאָסעפ ייִזראעל (געב. 1818 אינ פּאָלטיטשעני, מאָלדאוויע, געשט. 1864 אינ לאָנדאָנ). אורשפּרינגלעכ א הענדלער מיט אלטע זאכנ, האָט ער אָבער באוויזנ א נייגונג צו נעסיִעס, ער האָט זיכ געקליבנ אופזוכנ די פאנטאסטיש־לעגענדארישע קלוימערשט פארלאָרענע „צענ ייִדישע שוואָטימ". פונ גרויס פארערונג צו ביניאָמינ פונ טודעלא, האָט ער אָנגענומענ זײַנ נאָמענ אונ האָט זיכ אָנגערופנ „ביניאָמינ דער צווייטער". דער מארשרוט פונ זײַנ וועלט־רײַזע איז געווענ: 1844 ווינ, 1845 קאָנסטאנטינאָפּאָל, א רייע שטעט פונ מיטללענדישנ יאמ, 1847 — 1850 אלעקסאנדריע, דורכ קיראָ קיינ פּאלעסטינע, פונדאנענ ווײַטער אפּ מיזרעכ, סיריע, באבילאָניע, קורדיסטאנ, פּערסיע, אינדיע, קאבול, אפגאניסטאנ, 1851 צוריק קיינ ווינ. דערנאָכ האָט ער געמאכט א רייע נעסיִעס קיינ אפריקע. 1856 האָט ער ארויסגעגעבנ זײַנ בוכ „פינפ יאָר אפּנ מיזרעכ" (העברעיִש, דערנאָכ איבערגעזעצט אפּ פראנצויזיש, אונ אינ א ברייטערער אויסגאבע אפּ דײַטש). דײַטשע געלערנטע אונ וועלטרײַזנדע (פּ. הומבאָלדט, קײַזערלינג אאא.) האָבנ דעמ דאָזיקנ בוכ געלויבט. 1859 האָט ייִזראעל געמאכט א נעסיִע קיינ אמעריקע אונ האָט זי באשריבנ אינ א בוכ. 1864 איז ער געשטאָרבנ, קימאט א בעטלער, אינ לאָנדאָנ.

פונ דעמ טאראראמ, וואָס די כאָכמאס־האיאהאדוסדיקע זשורנאלנ האָבנ געמאכט וועגנ



די אופטועו פונעמ דאָזיקנ ביניאָמינ II, כוויזעקט דאָס מענדעלע אינ זײַנ האקדאָמע צו זײַנע „מאסאָעס".

מענדעלעס ביניאָמינ האָט זיכ אלס פּאָרזעצער פונ דער ביניאָמינישער רײַזע־טראדיציע אָנגערופנ ב י נ י אָ מ י נ  ד ע ר  ד ר י ט ע ר.

---

וועגנ די איבעריקע ביכער, וואָס האָבנ בא אונדזער ביניאָמינ דעמ דריטנ געשפּילט די זעלבע ראָליע ווי בא דאָנ־קיכאָטנ די ריטער־ראָמאנענ, דארפ מענ אָט וואָס זאָגנ:

1. ראבע באר באר כאָנעס רײַזע־מײַסעס זײַנעו פאנטאסטיש־קאָמישע, לעגענדאריש־גוזמעדיקע (א לא מינכהאוזענ) אנעקדאָטישע מײַסעלעכ, וואָס ווערנ אינעמ טאלמוד דערציילט אינ נאָמענ פונ ראבע באר באר כאָנע.

2. די פאנטאסטישע אויסגעטראכטע רײַזע־באריכטנ פונ עלדאָד האדאָני (א רײַזנדער, אוואנטיוריסט אונ שווינדלער פונ IX יאָרהונדערט) זײַנעו דערשינענ אפּ העברעיִש 1448 אינ מאנטוא, 1516, 1519 אינ קאָנסטאנטינאָפּאָל, אינ פראנצויזישער שפּראכ 1838 אינ פּאריז. אינ ייִדישער איבערזעצונג: 1769 אינ פירט (דײַטשלאנד), 1849 ווילנע. אינ רוסישער שפּראכ: 1841 ספּ"ב.

3. „שבחי ירושלים" (שוואָכע יערושאָלאיִמ) — א קלערלקאלישע פאנטאסטיש־לעגענדארישע געשיכטע אונ טאָפּאָגראפיע פונ יערושאָלאיִמ, ווו ס'ווערט דערציילט אויכ וועגנ פארשיידענע שטעט אונ קוואָרימ פונ בארימטע לײַט אינ פּאלעסטינע, וועגנ פארשיידענע „וווּנדער", אויסטערלישקײַטנ אאוו. אינעמ דאָזיקנ בוכ ווערט אויכ געבראכט די באשרײַבונג פונ איינעמ א רײַזנדנס א נעסיִע אינ יאָר 1520—1521 פונ ווענעציע קיינ פּאלעסטינע מיט קאָלערליי פאנטאסטישע יעדיִעס. אונ צומ סאָפּ אויסצוגנ פונ ביניאָמינ טודעלאס רײַזע־באשרײַבונג. דאָס דאָזיקע בוכ איז א קאָמפּיליאציע פונ דעמ פארלעגער יאקאָב קאצ בארוכ, אונ איז צומ ערשטנ מאָל ארויס אינ ליוואָרנאָ (איטאליע) 1785. שפּעטער איז עס א סאכ מאָל איבערגעדרוקט געוואָרנ: לעמבערג 1799, ווילנע 1817 אאוו.

4. „צל העולם" (צייל האָוילאָמ) פונ מאטאטיא דעלאקרוט — א פּוילישער געלערנטער ייִד פונ XVI יאָרהונדערט, וואָס האָט אינ דער יוגנט אויסגעוואנדערט קיינ איטאליע אונ האָט שטודירט אינ באָלאָניער אוניווערסיטעט סכאָלאסטישע פילאָסאָפיע אונ מיסטיק. דעלאקרוט האָט פארפאסט פארשיידענע קאָמענטאריעס צו העברעיִשע איבערזעצונגענ פונ נאטורוויסנשאפטלעכע ווערק. „צל העולם" איז א העברעיִשע איבערארבעטונג פונ גאָסועִנס (Gossouin) קאָסמאָגראפיע: Livre de clergie אָדער L'image du monde. די דאָזיקע העברעיִשע איבערארבעטונג איז צומ ערשטנ מאָל דערשינענ אינ אמסטערדאמ 1763, אונ איז שפּעטער א סאכ מאָל איבערגעדרוקט געוואָרנ.

אזא אונ ענלעכע ליטעראטור מיט פארשיידענע, נאָכ מער פארקריפּלענדיקע צוגאָבנ, זײַנעו עס אינ „בעסטנ פאל" (אינ ערגסטנ — זײַנעו עס געווענ אויסשליסלעכ די ביבל, דער טאלמוד, מעדראָשימ אונ מיטלעלטערלעכע מוסער־ספאָרימ) געווענ די

קוואלן, פונוואנען די שטעטלדיקע מאסן פון יענער צײַט האָבן געשעפּט קאָנקרעטע
יעדיִעס און מאטעריאלן פאר זייער וועלט־אָנשויונג. אויב מענדעלע האָט א שטיק צײַט
געהאט איבערגעטריבענע האָפענונגען אפ די רעזולטאטן, וואָס קאָנען קומען פון (בלוי־
זער) בילדונג־פּראָפּאגאנדע — איז אָבער דאָס דאָזיקע אונטערשטרײַכן דעם ווערט פון
דער בילדונג פארן קאמף קעגן דער מיטלעלטערלעכער אָפּגעשטאנענקײַט, פאר דער
אויסבילדונג פון א נײַעם בירגערלעכן באוווסטזײַן, פּאָרט געווען א דורכויס
אקטועלער, א זייער פּראָגרעסיווער אופטו. מענדעלעס שילדערונג פון בִּיניאָמינס
„ערודיציע" האָט געדארפט דינען דעם דאָזיקן ווערטפולן פונקט פון זײַן מאס־
קילישער פּראָגראם.

---

די ערשטע קאפּיטלען פון „מאסאָעס" (ביז די ווערטער: „פּירט זיי אויס", ז. 108
פון אונדזער אויסגאבע, שורע 8, אונטן) זײַנען צום ערשטן מאָל דערשינען אין „דער ניטצ־
לעכער קאלענדאר פאר דיא רוסישע יודען", זשיטאָמיר 1876. מענדעלע זאָגט דאָרט צו
א ווײַטערדיקע פאָרזעצונג פון דער דערציילונג: — „זײַט מיר געזונט, ראבויסים! לאָ־
מיר לאָזן דערווײַל אונדזערע פארשוינען גיין זייער וועג, אינקורצן וועל איך אײַך
ווײַטער דערציילן די מײַסע, ווי איך בין א ייִד! ווי מײַן נאָמען איז מענדעלע מויר־
כער־ספאָרים!".

אלס א גאנץ בוך איז „מאסאָעס" צום ערשטן מאָל דערשינען אין יאָר 1878,
אין ווילנע. די קאפּיטלען, וואָס זײַנען שוין פריִער אין יאָר 1876 דערשינען, ווערן
אין דער אויסגאבע פון 1878 איבערגעכאזערט אָן שום ענדערונגען, אכוץ עטלעכע
זאצן אין דער האקדאָמע וועגן די „סבאָרשטשיקעס" (זע אונדזער אויסגאבע, ז. 76,
אונטערן טעקסט, וו מיר ברענגען דעם דאָזיקן וואריאנט). מע דארף פארצייכענען,
אז אפן טיטל־בלאט פון דער דאָזיקער ערשטער בוך־אויסגאבע זײַנען געדרוקט די
ווערטער: „ספר ראשן", דה. „ערשטער בוך". דאָס באטײַט, אז מענדעלע האָט
אמאָל, לעפּאָכעס נאָך אין יאָר 1878, אין זינען געהאט פאָרצוזעצן די מאסאָעס־
דערציילונג און צו באריכטן וועגן דעם ווײַטערדיקן גוירל פון בִּיניאָמין און סענ־
דערל, נאָכדעם ווי זיי זײַנען פרײַ געוואָרן פון דער קאזארמע.

1904 איז דערשינען אין ווילנע א פּינקטלעכער איבערדרוק פון דער 1878־ער
אויסגאבע אָן שום ענדערונגען.

פאר דער יובילעום־אויסגאבע (די ערשטע זיבעצן בענדער 1911 — 1913) האָט
מענדעלע די „מאסאָעס" אפּסנײַ איבערדאגירט, אָבער קיין באדײַטנדיקע ענדערונגען
האָט ער ניט ארײַנגעפירט.

די שפּעטערדיקע אויסגאבעס פון „מאסאָעס" אין אויסלאנד זײַנען איבערגעדרוקט
לויט דער יובילעום־אויסגאבע.

די סאָוועטישע אויסגאבע פון 1930 מיט כ' י. נוסינאָווס ארײַנפיר ברענגט דעם
טעקסט לויט דער יובילעום־אויסגאבע אכוץ אייניקע קליינע צוגאָבן לויט דער אויסגאבע
פון 1878.

פון די איבערזעצונגען וועלן מיר פאָלגנדיקע דערמאָנען. 1885 — 1886 (איבער־



געדרוקט 1899) האָט דער פּוילישער שרײַבער קלעמענס יונאָשא (שאניאווסקי) פאר־
עפנטלעכט אן עטוואָס געקירצטע איבערזעצונג (צום טייל בלויז איבערדערציילונג) פון
„מאסאָעס" «Donkiszot Zydowski». מענדעלע טיילט מיט אין זײַן אווטאָביִאָגראפיע
(אין „ספר זכרון"), אז באלד נאָכן דערשײַנען פון דער פּוילישער איבערזעצונג איז
לויט איר געמאכט געוואָרן און דערשינען א טשעכישע איבערזעצונג. די רוסישע אי־
בערזעצונג, וואָס איז דערשינען אין 1899 יאָר אין קאזאן, איז איבערגעזעצט געוואָרן
פון דער פּוילישער דורך וו. פּ. באָרדזיטש (אין די לעצטע יאָרן איז אין א פּרי־
וואטן פארלאג, „פּוטשינא", אין ראטנפארבאנד, דערשינען א נײַע רוסישע איבערזע־
צונג פון „מאסאָעס" לויט יונאָשאס פּוילישער איבערזעצונג). 1934 איז אין מעלוכע־פאר־
לאג פון אוקראַיִנע דערשינען א נײַע אוקראַיִנישע איבערזעצונג מיט אילוסטראציעס. אין יאָר
1896 האָט מענדעלע פארעפנטלעכט אין די העברעיִשע זאמלביכער „פּרדס", בוך 3, אלס בײַ־
לאגע, א העברעיִשע איבערזעצונג פון „מאסאָעס". אינעם איבערדרוק פון דער דאָזיקער העב־
רעיִשער איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען אין דער העברעיִשער אויסגאבע פון מענ־
דעלעס ווערק, בד. II, 1911, אָדעס, איז צום סאָף פאראן א קליינער צוגאָב, וואָס
מיר וועלן ווײַטער (ז. 384) ברענגען אין א ייִדישער איבערזעצונג. א דײַטשע איבערזע־
צונג האָט זיך צוריק מיט עטלעכע יאָר געגרייט, סע פעלן אונדז אָבער יעדיִעס, צי
זי איז דערשינען.

---

אונדזער אויסגאבע פון „מאסאָעס" ברענגען מיר לויט דער אויסגאבע פון 1878,
און אָט איבער וואָסערע סיבעס:

אין אלגעמיין האָט מענדעלע אין דער יובילײ־אויסגאבע פון „מאסאָעס" קיין
וועזנטלעכע ענדערונגען ניט ארײַנגעטראָגן (זע וועגן דעם כ' י. נוסינאָווס אר־
בעט: „פון בוך צו בוך", מינסקער „צײַטשריפט", 1928, בד. II—III, זז. 427 און
ווײַטער, זע אויך אונדזער ארײַנפיר, אויבן ז. 41). די דיפערענצן באשטייען פון דרײַ־
ערליי מינים: 1) אין דער יובילײ־אויסגאבע זײַנען עטלעכע זאצן פון דער 1878־ער
אויסגאבע אויסגעמעקט, עטלעכע נײַע זײַנען צוגעגעבן, און עטלעכע לײַכט געענדערט
געוואָרן; 2) א רײַ ניט־וועזנטלעכע סטיליסטישע לעקסישע און גראמאטיקאלישע ענ־
דערונגען; 3) ענדערונגען אין דער קאפּיטל־נומעראציע, אין דער טיילונג פון די
אָפּזאצן און אין דער אינטערפּונקטואציע.

די וויכטיקסטע דיפערענצן זײַנען די פון פּונקט 1. ווי קליין זיי זאָלן ניט זײַן,
ווײַזן זיי אָבער אָן אפ די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין מענדעלעס אי־
דעאָלאָגיע, און אפ דער ווירקונג, וואָס די דאָזיקע ענדערונגען האָבן געהאט אפ מענ־
דעלעס סטיל (פון סטיליזירנדיקער פּאראָדיסטישקײַט — צו ערנסט געמיינטער סטיליזאציע).
אזוי, לעמאָשל, איז אין דער יובילײ־אויסגאבע ארויסגעפאלן דאָס פּאראָדיסטיש סטילי־
זירטע טיטלבלאט: „קיצער מאסאָעס בִּיניאָמין האשלישי, דאָס הייסט, די נעסיִע,
אָדער א רײַזע־באשרײַבונג פון בִּיניאָמין דעם דריטן, וואָס ער איז אפ זײַנע נעסיִעס
פארגאנגען"... אנשטאָט: סע הייסט דאָרט פּאָשעט: „מאסאָעס בִּיניאָמין האשלישי", מער
גאָרניט. און קלאָר פארוואָס. דעמלט איז שוין מענדעלע זייער ווײַט אוועק פון זײַנע
פּאראָדיזירנדיקע קאוואָנעס. דאָס, וואָס איז פריִער געווען אן אָנשטעל, דארף שוין

איצט זײַנ „נאַציאָנאַלער סטיל״. איצט זײַנען שוינ מענדעלעס ניט ניכע די צו בוילעטע פּאַראָדיסטישע ערטער אפילע אינ זײַנע פריִערדיקע ווערק, מעקט ער זיי אויס. ארויס־געבנדיק מענדעלעס „מאַסאָעס״, זײַנען מיר אָבער לאַכלוטנ ניט מעכוייעוו נאָכצוגיינ נאָכ די ענדעראונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אינ דער אידעאָלאָגיע פונ שפּעטנ מענדעלע.
מיר האָבנ גראָד א באַזונדערנ אינטערעס אינ יענע מאָמענטנ פונ מענדעלעס עלטערנ סטיל, וואָס אנטשפּרעכנ צו זײַנ געזעלשאַפט־קריטישער אָנצילונג, וואָס זײַנען געווענדעט קעגנ דער פעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענקײַט.

אנ אנדער בײַשפּיל: אינ דער יובילײ־אויסגאַבע האָט מענדעלע אויסגעמעקט פאָל־גנדיקע זאַצנ, וואָס געפינענ זיכ אינ דער האַקראָמע פונ דער 1878־ער אויסגאַבע (זע אויבנ ז. 75—76): „...אונ מיקאָלשעקיינ נאָכ מער די פײַנע־מענטשעלעכ, שיינע־ייִדעלעכ, זיי האָבנ דאָכ בעוואַדע לעכאָלאַפּאָכעס א מייע קיטעס מאַלאָכימ, וואָס שלאָגנ איט־לעכנ פונ זיי באַזונדער אונ זאָגנ אשטייגער אזוי: כײַקעלע, טײַערע נעשאָמע, גיי אנטלײַ געלט וויפל דו קענסט. גיי, גיי נעמ אָנ דאָרט באַ די דײַטשנ סכוירע וויפל דו ווילסט! שפּראָצ, וואַקס, כײַקעלע, קריכ ארויס, שקאָצ איינער, פונ דער בלאָטע! גיי, גיי, גיי גאַנווע שטילערהייט ארויס די גאַנצע סכוירע דײַנע, פונ דײַנ קלייט טאַקע, אונ ענט־פער דערנאָכ דעמ אוילעמ קוימעמיעס... גיי, גיי, איציקל קאָלבוינ׳יק, זײַ זיכ מאַטריעכ צו דײַנ פאָרעצל, מאַכ עפּעס א מאַניפאַרגעלע, אונ רוימ אימ דאָרט אײַנ אינ אויער עפּעס א פּיזמענ אפ דעמ, אפ יענעמ אונ אפ וועמענ דו ווילסט...״

דער בירגערלעכער אופקלערער ווענדט זיכ מיט די ווערטער קעגנ דעמ אָפּ־געשטאַנענ־שווינדלערישנ שטעטלדיקנ האַנדל־שטייגער מיט פּיקטיווע גנייוועס, מיט באַנקראָטנ באַ די „דײַטשנ״, וואָס גיבנ סכוירע אפ קרעדיט, קעגנ די פעאָדאַלישע מאַיאָפעסניקעס אונ מאָסרימ באַמ פּאָרעצ׳ס האַוו. דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדעלעס דעמאָלטיקע אָנטוויונגען. אינ דער יובילײ־אויסגאַבע מעקט ער אויס די דאָזיקע סאַטירישע ערטער, וואָס קלינגענ איצט אינ זײַנע אויערנ אלט א צו שאַרפער אָנגריפ, ווי א „רעכילעס אפנ ייִדישנ פאָלק״, אונ שטעלט אָנשטאָט דעמ אריײַנ א זאַצ, וואָס אנטהאַלט בלויז בלאָסע סטאַמ־שטראָפווערטער קעגנ דער אינערטישקײַט פונ די שטעטלדיקע ייִדנ. דערבײַ גיט ער, דער אמאָליקער מאַסקל, אזוי זיכ, גאַנצ דע־רעכ־אגעוו, א שטאָכ ניט בלויז די כאַסידימ, נאָר אויכ די מאַסקילימ... „קיינ נאַר כאַפּט זיכ פריִער פונ איטלעכנ גישט ארויס מיט א וואָרט באַ אונדז, קיינ שויטע ווערט נישט קיינ באַל־אייצע, קיינ אמאָרעצ — קיינ כאָסיד, קיינ גראָבער יונג — א מאַסקל, ביזוואַנענ עס שלאָגט נישט איטלעכנ פונ זיי זײַנ מאַלעכ, נויטנדיק אימ דערצו...״

אָדער: די האַקראָמע אינ דער אויסגאַבע פונ 1878 לאָזט זיכ צומ סאָפ אויס, אנטשפּרעכנדיק צומ פּאַראָדיסטישנ נוסעכ, מיט א פּערסיפלאַזש אפ דעמ באַנאַל־פאָלק־לאָרישנ „סטיל״ פונ א באַשטימטנ מינ אומגעלומפּערט־נאַרישער, טכינעדיק־באַדכאָנישער קלאָמערשט „פאָלקסטימלעכער״ ליטעראַטור:

ביזכוס דער נעסיִע לאָמיר גיכ אינ אלע זײַטנ זיכ ווענדנ אונ קערנ,
איטלעכער קעפּי זײַנ גאַנב אונ קעפּי זײַנ באַגערנ,
אונ ווענ כאָלילע איינער באַגייט עפּעס א פעלער,

NB



Original preface concludes in rhyme!

לאָז ער זיכ אויסדרייענ גלאַט ווי אפ א טעלער,
אונ בלײַבנ טאָמיד גוט אונ פרומ אי גערעכט,
אזוי ווי עס ווינטשט אײַכ אײַער געטרײַער קנעכט.
האַקאָטנ מענדעלע מויכער־ספאָרימ.

דאָס דאָזיקע שטיקל דירעקטע פּאַראָדיע איז שוינ מענדעלענ אינ דער צײַט פונ דער יובילײ־אויסגאַבע ניט געווענ צומ האַרצנ. ס׳איז געשמאַנענ אינ א צו בוילעטער סטירע צו זײַנע איצטיקע סטיליזיר־טענדענצנ. סע וואָלט אָפּנ אונ דײַטלעכ דעשיפרירט די פּאַראָדיסטישקײַט פונ גאַנצנ בוכ. האָט ער דאָס דעריבער אויסגעמעקט.

דאָס אייגענע דאַרפ מענ זאָגנ אויכ וועגנ א היפּשנ טייל אנדערע קירצונגענ. לעמאָשל: די קירצונג פונ דעמ „דרינגעניש״ אפ ז. 13 פונ דער 1878־ער אויסגאַבע (זז. 15—16 יובילײ־אויסגאַבע) באַטײַט, אז דער כויזעק אפ דעמ טאַלמודיש־סכאָלאַס־טישנ פילפּול, וואָס ווערט דאָ פּאַראָדירט, איז אימ שוינ ניט מער ניכע. דעמ זאַצ אפ ז. 13 אינ דער 1878־ער אויסגאַבע: „אײַ, בינימינ? וואָס טוט מענ מיט בינימינענ? טייקו! בלײַבט א קאַשע״ פאַריכט מענדעלע אינ דער יובילײ־אויס־גאַבע (ז. 16): „אײַ, בינימינ? מיילע בע...״ ווײַל „טייקו! בלײַבט א קאַשע״ איז א קאַנאָנישע טאַלמודישע פאָרמולע, פונ וועלכער מענדעלע וויל איצט שוינ ניט ׳אָפּכויזעקנ.

אָדער: אינעמ זאַצ ז. 29 פונ דער אויסגאַבע אינ יאָר 1878: „ער פאַרלאָזט זײַנ פאָטערלאַנד, ער וואַרפט אוועק ווײַב אונ קינדער אונ גייט אינ גאָטס שליכעס״ מעקט מענדעלע אויס פאַר דער יובילײ־אויסגאַבע דאָס וואָרט „גאָט״: — אינ דעמ כויזעקדיקנ קאָנטעקסט איז אימ דאָס דערמאָנענ גאָטס נאָמענ אויסגעקומענ צו פריוואָל. מענדעלע כויזעקט אפ ז. 65 (אויסג. 1878) פונ די אישעס־צנועס טרײַנע אונ טאָלצע, וואָס וואַרטנ אפ מאָשיִעכנ, פאַקטיש כויזעקט ער דאָ בינכלאַל פונעמ וואַרטעניש אפ מאָ־שיִעכנ: „...דאָרט וועט איר געפינענ אײַער גלײַכנ. דאָרטנ וואַרטנ אפ אײַכ אײַערע טאָלצעס, אײַערע טרײַנעס, אונ טויזנטער ערלעכע ייִדנ, קאָשערע נעשאָמעס״. אינ דער יובילײ־אויסגאַבע פעלט „טויזנטער ערלעכע ייִדנ״. מענדעלע וויל שוינ דעמאָלט ניט מער, אז זײַנ כויזעק זאָל זיכ באַציִענ אפ „טויזנטער ערלעכע ייִדנ״. אאַוו. אאַוו. (דה. פ ר ו מ ע)

וואָס שײַעכ די אלע דאָזיקע אויסגעמעקטע ערטער האַלטנ מיר, אז פאַר אונדז איז גראָד אינטערעסאַנט זיי זאָלנ יאָ בלײַבנ, ווײַל זיי זײַנענ כאַראַקטעריסטיש פאַר מענ־דעלעס אופקלערישקײַט אינ די 60־ער אונ 70־ער יאָרנ. גיינ אינ דעמ פראַט נאָכ דער יובילײ־אויסגאַבע וואָלט באַטײַט אויסמעקנ כאַראַקטעריסטישע שטריכנ פונעמ א י י ג נ ט ל ע כ נ מענדעלע. דאָס איז די וויכטיקסטע טיבע, פאַרוואָס מיר ברענגענ אינ אונדזער אויסגאַבע דעמ טעקסט פונ 1878.

דאָס דאָזיקע צענטראַלע געזעלשאַפט־קריטישע ווערק מענדעלעס האָט געדאַרפט אָפּגעהיט ווערנ אינ יענער פאָרמ, וואָס איז אמכאַראַקטעריסטישסטנ פאַרנ אינהאַלט, לויט דער רעדאַקציע פונ יענעמ פעריאָד, אינ וועלכנ מענדעלע האָט געלעבט מיט די אָנשוויונגענ, וואָס קומענ אינ דעמ בוכ צומ אויסדרוק.

דער צווייטער מינ דיפערענצנ צווישנ דער 1878־ער אונ דער יובילײ־אויסגאַבע,

די סטיליסטישע, לעקסישע און גראַמאַטיקאַלישע ענדערונגען, גייען אָפּ דער ליניע פֿון פֿאַרשאַרפֿטן שפּראַכלעכן פּוריזם. מענדעלע באַמיט זיך איצט ווי ווײַט מעגלעך צו באַזײַטיקן און אויסצוואָרצלען די סלאַוויזמען און רוסיציזמען, אַלציינס ווי פּאָפּולער און פֿאַרשפּרייט זיי זאָלן צווישן די מאַסן ניט זײַן. די שעפֿע פֿון סלאַוויזמען און רוסיציזמען איז אַ זייער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון זײַן פֿריִיִקן סטיל (זע באַזונדערס אין „דאָס קליינע מענטשעלע"). דאָס האָט טיף אַנטשפּראָכן צו זײַנע דעמאָלטיקע אָנשויונגען, דאָס איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן אינהאַלט פֿון זײַן שאַפֿן אין די 60־ער און 70־ער יאָרן. מענדעלע האָט געוואָלט ריידן צו די מאַסן, דעריבער האָט ער זיך גענומען שרײַבן ייִדיש, דעריבער האָט ער באַנוצט אַזויפֿיל סלאַוויזמען און רוסיציזמען, וויפֿל ס׳איז פֿאַר יענער צײַט נייטיק געווען, קעדיי זײַנע רייד זאָלן זײַן צוטריטלעך פֿאַר די ברייטסטע מאַסן. פֿאַרן שפּעטן מענדעלע, וואָס האָט זיך שוין אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס אָריענטירט אָפּ גאָר אַן אַנדערן לייענער, איז דאָ שוין די ברייטסטע צוטריטלעכקײַט ניט מער געווען אַזוי וויכטיק, דערפֿאַר אָבער איז פֿאַר אים, אַנטשפּרעכנדיק צו זײַן נאַציִאָנאַליסטישן קער, שוין וויכטיק געוואָרן די „נאַציִאָנאַלע ריינקײַט" פֿון דער שפּראַך.

אויב מיר זײַנען אויסן צו געבן די עכטע „מאַסאָעס", יענעם טעקסט, וואָס היט אָפּ מענדעלעס אײַנשטעלונג אין דער אורשפּרינגלעכער, ניט געמינערטער, ניט אָפּגעשוואַכטער סאַטירישער קראַפֿט און געשטאַלט, מוזן מיר דאָס דאָזיקע ווערק ברענגען לויט דער אויסגאַבע פֿון 1878, מיט אַלע יענע שפּעטער אויסגעמעקטע ערטער, וואָס באַטאָנען דעם פּאַראָדיסטישן כאַראַקטער פֿונעם בוך, מיט אַלע אורשפּרינגלעכע — אַגעוו דורכויס אָרגאַנישע — סלאַוויזמען און רוסיציזמען. מיר טאָרן אויך דאָ בעשומויפֿן ניט נאָכטאַנצן נאָך די פּוריסטיש־עסטעטיציסטישע, קלאָמערשט אָביעקטיוו־וויסנשאַפֿטלעכע (קלאָמערשט מוז דער טעקסט פֿון אַ קלאַסיקער שטענדיק געבראַכט ווערן לויט זײַן לעצטן וואַריאַנט!) פּרינציפּן און געשמאַקן פֿון דער בורזשואַזער קריטיק. פֿאַרשטייט זיך, אין באַשטימטע פֿאַלן זײַנען די סטיליסטישע ענדערונגען אין דער יובילײ־אויסגאַבע געווען אַ רעזולטאַט פֿון מענדעלעס פֿאַרפֿולקומטער שפּראַך־געניטקײַט, אַ רעזולטאַט אויך פֿון די פֿאָרשריטן, וואָס די שפּראַך־אַנטוויקלונג און די ליטעראַטור האָבן געמאַכט אין משך פֿון די יאָרצענדליקער צווישן דער 1878־ער און דער יובילײ־אויסגאַבע. דער דאָזיקער טייל אויסבעסערונגען איז באַזונדערס אין „מאַסאָעס" זייער אַ קלײנער און אַפֿילע פֿון אַ ריין פֿאָרמאַל־עסטעטיציסטישן שטאַנדפּונקט דורכויס ניט וועזנטלעך. אָבער אַפֿילע ווען זיי וואָלטן געווען צאָלרײַכער און באַדײַטנדיקער, וואָלטן זיי ניט געקאָנט איבערוועגן די אַרגומענטן, וואָס מיר האָבן געבראַכט לטובֿת דער אויסגאַבע פֿון יאָר 1878. —

וואָס שײַעך דעם דריטן מין דיפֿערענצן צווישן ביידע אויסגאַבעס: ענדערונגען אין דער קאַפּיטל־נומעראַציע, אין דער טיילונג פֿון אָפּזאַצן און אין דער אינטערפּונקטואַציע — האָבן מיר זיך אין די דאָזיקע פֿראַטים יאָ אָריִענטירט אָפּ דעם טעקסט פֿון דער יובילײ־אויסגאַבע, ווײַל דאָס רירט לאַכלוטן ניט אָן דעם כאַראַקטער פֿונעם ווערק, ס׳ברענגט אָבער אַרײַן אינעם טעקסט אַ גרעסערע אָרדענונג און קלאָרקײַט.



אין דער האַקדאָמע צו „מאַסאָעס" האָט מענדעלע, דערעכאָגעוו, אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן אָפּשפּאָטערישער טענדענץ אָפּ דער מאָשיִעך־וואַרטעניש, אָפּגעכויזעקט אויך פֿונעם כאָכמאַס־האַיאַהאַדוסדיקן זוכן די „פֿאַרלוירענע צען ייִדישע שוואָטים", לעמאָשל, אין צאָפֿן־אַפֿריקע בא די נעגערישע טראָגלאָדיטן (הייִלן־באַוווינער), אין אַביסיניע, אין אינדיע, כינע, יעמען, קורץ אומעטום, ווו סע לאָזט זיך נאָר. מענדעלע האָט אָפּגעכויזעקט פֿון דער דאָזיקער זוכעניש, וואָס איז אין טאָכ אַ מאָדיפֿיקאַציע פֿון מאָשיִעכיזם און וואָס זוכט אַ באַשטעטיקונג פֿאַר דער נאַציִאָנאַליסטישער אַל־ייִדישקײַט.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז ווען מענדעלע האָט אין יאָר 1911 (אין דער העברייִשער אויסגאַבע פֿון זײַנע ווערק, בד. II) איבערגעדרוקט זײַן העברייִשע איבערזעצונג פֿון „מאַסאָעס", האָט ער צום סאָף פֿונעם בוך[1] צוגעגעבן אַ קליינעם צוגאָב, געהאַלטן אינעם גײַסט פֿונעם אורשפּרינגלעכן טעקסט, און דירעקט פֿאַרבונדן מיטן אָפּשפּאָט אָפּן זוכן די „אַסערעס־האַשוואָטים" און סאָפּקאָלסאָפּ טאַקע אויך אָפּ דער גאַנצער פֿרומער כאָכמאַס־האַיאַהאַדוסדיקער פֿאָרשונג — פּונקט אַזוי ווי אין דער אַלטער האַקדאָמע צו „מאַסאָעס". אַזאַ צומאָליק אויפֿבליצן פֿון זײַנע פֿריִערדיקע טענדענצן קאָן מען באַם שפּעטן מענדעלע אָפּט טרעפֿן (זע אונדזער אַרײַנפֿיר). דעם דאָזיקן קליינעם צוגאָב מענדעלעס וועלן מיר דאָ ברענגען אין אַ ייִדישער איבערזעצונג.

דערצו דאַרפֿן מיר אָט־וואָס באַמערקן. זײַט דעם סאָף XIX יאָרהונדערט האָט זיך, אונטער דער ווירקונג פֿון די פֿאַרשיידענע נאַציִאָנאַליסטישע שטרעמונגען, אין די קרײַזן פֿון דער בורזשואַזער ייִדישער אינטעליגענץ פֿאַרשטאַרקט דער אינטערעס פֿאַר די פֿאַרשיידענע „פֿאַרלוירענע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק" אין אַזיע, אַפֿריקע אאַוו. גראָד 1910 לעמאָשל, קורץ פֿאַרן דערשײַנען פֿון מענדעלעס צוגאָב צו די „מאַסאָעס", איז אַרויס זשאַק פֿײַטלאָוויטשעס בוך וועגן די אַביסינישע פֿאַלאַשאַס (אַ יודאַיִזירנדיקער שייוועט אין אַביסיניע — דעמלט אַן ערעך 50 טויזנט נעפֿאָשעס, — וואָס האָט אָבער אַכוץ די יודאַיִסטישע עלעמענטן אין דער רעליגיע קיין שום שײַכעס ניט צו ייִדן, אויך ניט אין פֿראַט פֿון ראַסע). דער דאָזיקער בוך וועגן די, קלאָמערשטע „פֿאַרלוירענע צווײַגלעך פֿון ייִדישן פֿאָלק" האָט אַרויסגערופֿן אַ באַשטימטן טאַראַראַם אין די יאַהודישע קרײַזן אין מײַרעוו־אייראָפּע און אויך צווישן די פֿאַרשיידנערליי קלעריקאַלע און ציִעניסטישע קרײַזן אין מיזרעך־אייראָפּע. ס׳האָבן זיך דעמלט געגרינדעט קאָמיטעטן אָפּ צו דערנעענטערן די פֿאַלאַשאַס צו די ייִדן, אָפּ אַרויסצושיקן אַ נײַע עקספּעדיציע אאַוו. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך די געלערנטע פֿון דער כאָכמאַס האַיאַהאַדוס שטאַרק גענומען אינטערעסירן מיט די כינעזישע „ייִדן" פֿון קאָכינכינאַ, מיט „ייִדן"־טראָגלאָדיטן אין צאָפֿן־אַפֿריקע אאַוו. — אָפּ די דאָזיקע און ענלעכע פֿאַקטן פֿון פֿריִער גיט דאָס מענדעלע אַן אָנצוהערעניש אין זײַן נײַעם צוגאָב צו „מאַסאָעס". ס׳האָט זיך דאָ אין אים אָפּגערופֿן דער אַלטער מענדעלע, וואָס קאָן ניט פֿאַרלײַדן די דאָזיקע

1 כל כתבי מנדלי מוכר ספרים, אודיסא, תרע״א (1911), בד.II, ז. 164.

אומגעלומפערטע ראָמאַנטיק, דעם טומלדיקן אינטערעס פאר עפּעס „ייִדן“ פון אונטער די האָריי־כוישעכ, בייס סע דארבן און פוילן אין טיפער אָפּגעשטאָנענקייט. און אָרעמקייט ברייטסטע מאסן פון דער באַפעלקערונג, גאָר ניט ערגעץ ווייט, נאָר האַרט אונטער דער באָז.

אין דעם דאָזיקן אינטערעס זעט ער א ניי־באטלאָנישע מאָדיפיקאציע פון ביניאָמינ דעם דריטנס זוכענישן — און שרייבט צו צו זיין מייסטער־ווערק א ניי שטיקל פּאמפלעט, וואָס טרעפט מיט פעסטע, זיכערע קלעפּ ניט בלויז די „פאָרשונגען“ פון די קאָלערליי כאכמיי־האיאהאדוס און קלעריקאלע וויסנשאפטלער פון יענער צייט, נאָר אפ פאָרויס אויכ די גרויסארטיקע „איבערמאָדערנע“ באטלאָנעס, וואָס ווערט פּראָדוצירט צוליב גאָטס נאָמען און אדאנק די קאָלערליי ציוניסטישע פושקעס פון רעב מייער באלאנעס — אין דער יערושאָלאיִמער „אוניבערסיטה“, און פון פארשיידענע אנדערע אוינעג־שאבעסדיקע געלערנטע אין „די לענדער פונעם גאָלעס“.

מענדעלעס צוגאָב צו „מאסאָעס“ פון יאָר 1911 [1] איבערגעזעצט פון העברייִש:

## „זאָל זיין באוווסט און באקאנט

זאָגט מענדעלע מויכער־ספאָרים: ווי איכ האלט מיר אזוי אין דרוקן מיינע מייסעס וועגן די נעסיִעס פון ביניאָמינ דעם דריטן, וואָס דערווייל האָב איכ פון זיי ארויסגעבראכט, מיט גאָטס הילפ, דעם דאָזיקן טייל, וואָס ליגט פאר אייכ, ראבויסיי, האָבן די צייטונגען געבראכט די יעדיִע, אז אונדזער ביניאָמינ דער פאָרער קלייבט זיכ איצט א צווייט מאָל, אין דער שפיץ פון א גרופּע פאָרשונג־פאָרערס, אין די ווייטע לענדער און אינדזלען אפ יענער זייט האָריי־כוישעכ, ווו ער איז שוינ איינ מאָל געווען. די מייסע דערפון איז אזוי:

דער קאָל פון א נייעם בוכ הערט זיכ אין לאגער פון ייִסראָעל — „ספר דרישת כבוד חכמי התורה“ („א בוכ, וואָס נעמט זיכ אָן פארן קאָוועד פון די טוירע־געלערנטע“ — מ. וו.), ארויסגעגעבן דורכ די ריינ־פארשטאנדיקע טוערס דאָ אין דער הייליקער שטאָט יערושאָלאיִם — אין יאָר תרנ״ח [2] לפ״ק (לויט דער קליינער יאָרן־ציילונג — מ. וו.). די דאָזיקע טוערס זאָגן אָן און טוען צו וויסן: „האקאָדעש באָרוכ־הו (דה. גאָט — מ. וו.) האָט פאר אונדז אנטפּלעקט דעם קוואלן־ארויסגאנג פונעם טייכ סאמבאטיען (וואָס ער איז דאָס דאָכ א באוויייז, אז שאבעס איז פון גאָט, אזוי ווי אונדזערע לערערס זאָגן) און דער דאָזיקער טייערער טייכ איז פּונקט אזוי ווי ער וואָלט געווען אָט־אָ פאר אונדזערע אויגן... איז טאקע קעדיי זיכ אין דער דאָזיקער זאכ ניט צו פוילן... נאָר זיכ צוצויילן און צו ברענגען א פּאָרטל, אז די

[1] מענדעלע האָט אפּאָנעם דעם צוגאָב אָנגעשריבן פריִער איידער ער איז אינ יאָר 1911 געדרוקט געוואָרן. ווארשיינלעכ קורץ נאָכ 1898. אין „אגדות הקדמונים“ („לעגענדעס פון פארצייטנס“) פארופט זיכ מענדעלע (1902) אפ פּאקטן, וואָס ווערן דערציילט אין דעם דאָזיקן צוגאָב.

[2] דער בוכ, פון וועלכן מענדעלע האָט דאָ אָפּגעכויזעקט, איז טאקע טאטזעכלעכ דערשינען אין יערושאָלאיִם אין יאָר 1898.



אזעסּפּענעמער זאָלן זיכ ניט מער דערוועגן גרינג צו שאצן, כאָלילע, די ווערטער פון די כאכאָמים (רעליגיעזע אווטאָריטעטן — מ. וו.)... דעריבער האָבן מיר געגרינדעט א כעווררע מיטן נאָמען „פארטיידיקערס פונעם קאָוועד פון די טוירע־געלערנטע“ אפ צו מאכן די נעסיִע אהינ און צוריק... און מיר בעטן פון אלע, וואָס דער קאָוועד פון גאָט און דער קאָוועד פון זיינע כאכאָמים איז זיי ציטעריק, אז זיי זאָלן אונדז העלפן און זאָלן זיכ באטייליקן מיט אונדז אין אונדזער כעוורע אָדער אלס פאָרערס, אָדער אלס מיטהעלפערס פון דער נעסיִע, יעדער לויט וויפל זיין הארץ וועט באווייליקן צו געבן... דער איניען פאָדערט גרויסע הויצאָעס אפ צו דערלאנגען מאטאָנעס און אפ געבעט (דה. אפ כאבאר פאר פארשיידענע באאמטע — מ. וו.)... אפ צו באצאָלן בילעטן... און שפּייז אפן וועג... אפ צוצוגרייטן, אז מיר זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו דאווענען ווי געוויינלעכ די טפילעס און אויכ די וועג־טפילעס יעדן טאָג מיט א מיניען מענטשן... פון די פאָרערס, וואָס דארפן דעריבער פאָרן צען אירע איניינעם“.

ביניאָמינ האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיכ געפעדערט און גענומען סענדערל די ייִדענע, זיין טאלעס און טפילן, זיין שטעקן און זיין קלומעקל, און האָט זיכ באהעפט צו יענע בעקאָוודע טוערס, די ריינ־פארשטאנדיקע. און איצט פירט ער זיי ווי א פערד אין דער שרעקלעכער מידבער, וואָס איז פול מיט עגדעשן און פּיפּערנאָטערס און טיראנען פון די פעלקער ווי פרישטא יואנ און קאָפּער אל טורכ. און איכ בענטש אים פון טיפסטן הארצן: זאָל גאָט באגליקן זיין וועג, און זאָל אים אונדז אומקערן בעשאָלעם. און איכ וועל זיכ באמיִען צו וויסן שוין צווישן אלע ייִדן אויכ די מייסעס פון זיין צווייטער נעסיִע“.

---

אין זיין פאָראָדיע „אגדות הקדמונים“ („לעגענדעס פון פארצייטנס“), וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דער זאמלונג „אחיאסף“ פון יאָר 1902, זז. 145—147, גיט מענדעלע א צוזאָג ארויספירלעכ צו דערציילן וועגן די וואונדערבארע פּאסירונגען, געשעענישן און רעזולטאטן פון דער דאָזיקער צווייטער נעסיִע ביניאָמינס צו די רויטע ייִדעלעכ איניינעם מיט די אויבן דערמאָנטע „ריינ־פארשטאנדיקע טוערס“ פון יערושאָלאיִם. דערווייל באנוגנט זיכ מענדעלע בלויז מיט א קורצן באריכט אין דער פאָרם פון אן אוראלטער לעגענדע פון אן אגאָדע, וואָס ביניאָמינ האָט מיטגעבראכט פון די רויטע ייִדעלעכ. די דאָזיקע לעגענדע איז קלאָמערשט אוראלט, זי אנטהאלט אָבער נעוויִעסן אפ דער צוקונפט, דעריבער ווערט אין איר שוינ פאָרויסגעזען דאָס אָנקומען ביניאָמינס צו די רויטע ייִדעלעכ. ווי געוויינלעכ אלטע לעגענדעס און דאָקומענטן זיינען די דאָזיקע אגאָדעס פארהוילן און אומפארשטענדלעכ, צום טייל פארגרייזט, די פארשיידענע טיילן דורכגעוואָרפן, דער אָנהייב אין דער מיט אאוו. דאָס אלץ קלייבט זיכ מענדעלע, קלאָמערשט, קאָרעגירן, אויסטייטשן, אויסשטעלן אפן ריכטיקן אָרט. די אלטערטום־פאָרשערס האָבן, דערציילט מענדעלע, דאָס שוינ אָפּגעדרוקט אפ דייטש און ענגליש (אָפּשפּאָט אפ דער „וויסנשאפט פון ייִדנטום“ אין די פארשיידענע שפּראכן) און מע האלט דאָס אין איינ פאָרשן. דערווייל אָבער, זאָגט מענדעלע, איידער מע וועט דאָס דורכזיפן דורכ דרייצן זיפּן, וויל ער דאָס אָפּדרוקן אין העברייִשן אָריגינאל בלויז איינמאָל דורכגעזיפּט. ברענגט מענדעלע דעם קלאָמערשטן טעקסט פון אזא

אגאָדע מיט אויספּאַריכטונגען, קאָניעקטורן, אויסטײַטשונגען אונטערן טעקסט און מיט אַלע קונצן פון דער אַרכעאָלאָגישער טעקסט־קריטיק. און די דאָזיקע פּאַראַדיסטישע אגאָדע אײַנײַנעם מיט די אויסטײַטשונגען אַנטהאַלט אײַגנטלעך אין זיך דעם באַריכט וועגן בינאָמינס צווייטער נסיעה.

דער אינהאַלט פון דעם באַריכט איז אײַנקורצן אַזאַ.

די עקספּעדיציע פון די „ריין־פאַרשטאַנדיקע טוערס" פון ירושלאַיִם, אײַנײַנעם מיט בינאָמינען און סענדערל די ייִדענע, איז אָנגעקומען ביז צום טײַך סאַמבאַטיען. אָבער דאָ האָבן שוין די „ריינפאַרשטאַנדיקע טוערס" מוירע געהאַט ווײַטער צו גיין, זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר די אומגעהייערע בערג, פאַר די שרעקלעכע שטורעם־ווינטן, פאַר דער פינצטערניש און פאַרן סאַמבאַטיען, וואָס האָט געפּערלעך גערוישט, געטראַסקעט מיט שטיינער אַאַוו. זײַנען זיי געבליבן טרויעריק זיצן מיט זייער געפּעק און פונדערווײַטנס געקוקט אָפן סאַמבאַטיען. בינאָמין האָט זיך אַנידערגעלייגט באַם ברעג פון דעם טײַך, אָפן זאַמד, און אַרײַנגעקוקט אין אַ סייפעריל, בײַס סענדערל איז לעבן אים געזעסן און געשיילט קאַרטאָפליעס אָפּ וועטשערע. פּלוצעם שפּרינגט בינאָמין אויף ווי אַ לייב און זאָגט מיט באַגײַסטערונג:

„הוישײַנאָ, סענדערל! ווילסט פליִען?

פליִען מיטן קאָפּ אַראָפּ אין טיפער גרוב און ברעכן רוק און לענד, ווילסטו בינאָמין? — האָט סענדערל קאַלטבלוטיק געפרעגט און זיך ניט אָפּגעקערט פון די קאַרטאָפליעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שיילן.

— ניין, סענדערל, פליִען צום הימל און העכער און העכער.

— מיט בלויזע הענט און פיס?"

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בינאָמין האָט נאָרוואָס אַרויסגעלייענט פון בינאָמינס טודעלאָס רײַזע־באַשרײַבונג, וויאַזוי יאַם־רײַזנדע, וואָס זייער שיף ווערט דורך שטורעם־ווינטן פאַרוואָגלט אין אײַז־יאַם, ראַטעווען זיך אַרויס פון זייער האָפענונג־לאָזער לאַגע. זיי קריכן אַרײַן אין אַ פעל פון אַ בעהיימע און נייען זי פון אינווייניק צו. דערנאָך וואַרפן זיי זיך, אַזוי אין דער פעל, אַנידער אָפן אײַז, קומט טייקעף צו פליִען אַן אָדלער, וואָס ווערט אָנגערופן „גריפוז" (דה. Greif—Гриф), ווײַל ער מיינט, אַז דאָס איז אַ בעהיימע, פּאַקט די פעל, און פליט מיט איר צו דער טריקע־ניש, קעדיי זי דאָרט, די קלאָמערשטע בעהיימע, אָפּ אַ פעלדז־שפּיץ אויפצופרעסן. מוז דעמלט דער מענטש גיך אויפשנײַדן מיט אַ מעסער די פעל, אַרויסקריכן פון איר און דערהאַרגענען דעם אָדלער. דערנאָך מוז ער גיין און זוכן די ערטער, ווו מענטשן וווינען.

בינאָמין האָט פאָרגעלייגט דער עקספּעדיציע, אַז זיי זאָלן זיך אַלע אָפּ אַזאַ מין קונציקן אויפן אַריבערפּעקלען איבערן טײַך סאַמבאַטיען און איבער די פינצטערע הויכע בערג צו די רויטע ייִדעלעך. האָבן די אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע מוירע געהאַט און זיך אָפּגעזאָגט, בלויז בינאָמין און סענדערל האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און געטאָן אַזוי ווי די פאַרוואָגלטע יאַמען־פאָרערס. קיין בעהיימעשע פעלן האָבן זיי ניט געהאַט, האָבן זיי זיך באַנוצט מיט זייערע לעדערנע טשעמאָדאַנעס. טייקעף האָט זיי דער אָדלער גריפוז געפּאַקט, און איז מיט זיי אַריבערגעפלויגן צום לאַנד



פון די רויטע ייִדעלעך. ווי נאָר סענדערל איז אַרויס פון׳עם טשעמאָדאַן האָט ער פריִער פאַר אַלץ אָנגעהויבן שטעלן פיס און ווײַזן די רויטע ייִדעלעך אַ סאָלדאַטישן מאַרשיר, קעדיי זיי זאָלן זען, אַז ער פאַרשטייט אויך אַ טאָלק אין מילכאָמע־זאַכן. דאָ איז זיך אים צוניצגעקומען דאָס, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַ רעקרוט. די רויטע ייִדעלעך האָבן זיי ביידע גאָר גרויסאַרטיק אויפגענומען, אָנגעשטאָפּט זיי מיט גאָלד און זילבער און טײַערע זאַכן. צוריק זײַנען זיי געפלויגן ווי אַהינצו. אַ טייל פון די זאַכן, וואָס זיי האָבן געבראַכט, זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן דעם בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן, זיי שטייען דאָרט גאָר אויבנאָן, און אַלע מענטשן כידעשן זיך אָן אַן עק. אַזוי לעמאָשל אַ פלעשל זאַמד פון׳עם סאַמבאַטיען. אַ גאַנצע וואָך שטורעמט און ברויזט דער זאַמד אינעם פלעשל, אָבער שאַבעס רוט ער. איז דאָס אַן איניען פאַר ניט־ייִדן, אָבער פאַר ייִדן האָבן בינאָמין און סענדערל געבראַכט עפּעס בעסערס, פאַרשיידענע טוירעס און אַגאָדעס פון די רויטע ייִדעלעך. איינע פון זיי איז דאָס טאַקע די דאָזיקע קונציקע פּאַראָדיע, וואָס אַנטהאַלט אין זיך (אַלס נעוויִע) דעם באַריכט, וואָס מיר האָבן נאָרוואָס איבערדערציילט.—

מענדעלע כויזעקט דאָ סײַ פון די ווילד־באַטלאָנישע ראַבאָנים סײַ פון די כאָכ־מאַס־האַיאַהאַדוסניקעס, פון דער נאַציאָנאַליסטישער ראָמאַנטיק און, אין אָנצוהערענישן, אויך פון׳עם ציִעניזם. מע מוז דאָ אָבער אויסדריקלעך פעסטשטעלן, אַז די ציִעניסטן גרײַפט דאָ מענדעלע אָן פון אַן אָרטאָדאָקסיש־קלעריקאַלישן שטאַנדפּונקט. אין זייער „וועלטלעכן" נאַציאָנאַליזם זעט ער אַ געפאַר פאַר דער רעליגיע! אַזוי מישן זיך באַ מענדעלען אין יענעם שפּעטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן אָרעמע רעשטלעך פון זײַנע אַמאָליקע אויפקלערערישע טענדענצן (כויזעק פון ראַבאָנים, פון נאַציאָנאַליסטישער ראָמאַנטיק אַאַוו.) מיט אויסגעשפּראָכענעם קלעריקאַליזם.

---

# באמערקונגען צו „דאָס קליינע מענטשעלע“

דעם ערשטן וואריאַנט, אזוי צו זאָגן דעם אור־וואריאַנט פון „דאָס קליינע מענטשעלע“ (1864), ברענגען מיר אין אונדזער אויסגאבע אינגאנצן אלס א זעלבשטענדיק ווערק אינעם ערשטן באנד, אין וועלכן סע ווערן אופגעזאמלט אלע כאראקטעריסטישע פריִיִקע ווערק מענדעלעס, קעדײ אזויארום צו שאפן א קלאָר בילד וועגן זײַנע שרײַבערישע אָנהייבן אין די 60־ער יאָרן. צווישן דעם ערשטן וואריאַנט פון 1864 און דעם צווייטן פון 1879 איז זייער א גרויסער כילעק, דאָס ווערק איז אפ מער ווי דרײַ און א האלבן מאָל גרעסער געוואָרן, ס'זײַנען ארײַנגעפירט געוואָרן א היפשע צאָל וועזנטלעכע נײַע עפּיזאָדן, פונעם אורשפּרינגלעכן זייער אייגנארטיקן מײַסע־ביכל (1864) איז ערשט אין דער אויסגאבע פון 1879 אויסגעבויט געוואָרן א ליטעראריש ווערק. אין פארגלײַך מיטן צווייטן איז דער ערשטער וואריאַנט בלויז א פּלאנירנדיקע סקיצירונג. א „דערוואקסן“ ליטעראריש ווערק איז „דאָס קליינע מענטשעלע“ ערשט זײַט דער אופלאגע פון 1879.

יאָרצענדליקער שפּעטער האָט מענדעלע דאָס ווערק איבערגעארבעט אין א נײַעם וואריאַנט, אָבער אין דער אויסגאבע פון 1879 פארמאָגן מיר שוין טאקע דאָס ג א נ צ ע ווערק, דער שפּעטערדיקער וואריאַנט טראָגט ניט ארײַן, טראָץ די זייער צאָלרײַכע ענדערונגען, קיין שום נײַס, און פארשמירט אין א סאך פּראָטים ווערט־פולע מאָמענטן פון דער 1879־ער אויסגאבע (ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער אויספירלעכער דערקלערן). מיר האלטן, אז די אויסגאבע פון יאָר 1879 איז די סאמע כאראקטעריס־טישע פאר דאָס „קליינע מענטשעלע“. דעריבער דארף עס אין דער געזאמלטער אויס־גאבע, אנטשפּרעכנדיק צו דער כראָנאָלאָגיע, אומבאדינגט גיין אינאיינעם מיט „מאסאָעס“ און אומיטלבאר נאָך דעם דאָזיקן בוך.

---

„דאָס קליינע מענטשעלע“ איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין „קול מבשר“, 1864 — 1865. צום צווייטן מאָל — אין אָדעס, 1865 (צענזור־דערלויבעניש: דעקא־בער 1864).

צום דריטן מאָל — אין ווילנע, 1866 (געדרוקט בא אווראָם יִצחאָק דוואָרזשעצ). די דאָזיקע אויסגאבע איז ביז איצט פון קיין שום ליטעראטור־היסטאָריקער ניט בא־



שריבן געוואָרן. מענדעלע גופע מאכט, דערמאָנענדיק די דאָזיקע דריטע אויסגאבע (אין „ספר הזכרון“) א פרעג־צייכן. ווײַנרײַך („בילדער פון דער יִדישער ליטעראטור־געשיכטע“, ז. 335) שרײַבט וועגן איר אלפי־טאָעס, אז זי איז דערשינען אין יאָר 1865, און גיט צו צו דער דאָזיקער באהויפּטונג מענדעלעס פרעג־צייכן. די דאָזיקע אויסגאבע האָט דעם פאָרמאט פון א קליין זעכצנטל און האלט זעכציק זײַטלעך. דאָס איז א ניט־געענדערטער איבערדרוק פונעם טעקסט אין „קול מבשר“.

די פערטע אויסגאבע („גאָר אינגאנצן אפדאָסנײַ איבערגעארבעט“) איז דערשינען אין יאָר 1879. זי איז דרײַ און א האלב מאָל גרעסער פון די פריִערדיקע אויסגאבעס.

די פינפטע אויסגאבע איז דערשינען אין ווילנע, 1904. זי איז א מאטריצן־איבער־דרוק פון דער 1879־ער אויסגאבע.

די זעקסטע אויסגאבע איז דערשינען אין אָדעס, 1907 (די ע ר ש ט ע יובילײ־אויסגאבע פון מענדעלעס ווערק, פון וועלכער ס'איז דערשינען בלויז איין באנד: „דאָס קליינע מענטשעלע“ און „פישקע“).

די זיבעטע אויסגאבע: ניו־יאָרק, היברו פּאָבלישינג קאָמפּ., אָן דער דערלויבעניש און קעגן דעם ווילן מענדעלעס.

די אכטע אויסגאבע: 1911, אין דער גרויסער יובילעום־אויסגאבע פון מענדעלעס ווערק.

אן איבערזעצונג אפ רוסיש איז ארויס פון ד. יאָפע אין Евр. Ежегодник אין יאָר 1902.

---

אונדזער אויסגאבע ברענגט דעם טעקסט פון „דאָס קליינע מענטשעלע“ לויט דער אויסגאבע פון 1879, דה. לויט דער ע ר ש ט ע ר רעדאקציע פונעם ג ר ו י ס ן וואריאַנט.

בא דער צ ו ו י י ט ע ר רעדאקציע פונעם ג ר ו י ס ן וואריאַנט (אויסגאבע פון 1907) האָט מענדעלע ארײַנגעטראָגן אינעם ווערק זייער אויספירלעכע ענדערונגען.

די דאָזיקע ענדערונגען באשטייען דעריקער פון: 1) אן אויספירלעכער סטיליסטישער, גראמאטיקאלישער, לעקסישער איבערארבעטונג; 2) ניט־וועזנטלעכע טעקסטלעכע ענדערונגען, צוגאָבן און שטרײַכונגען; 3) א לײַכטער איבערקאָנסטרויִרונג אין דער קאָמפּאָזיציע; 4) איבערגרופּירונגען פון פארשיידענע קליינע עפּיזאָדן, זאצן אאוו. (מענדעלע ווארפט אָנגעשריבנס ניט גערן אוועק; זייער אָפט באגעגענען מיר פּלוצעם א זאץ, א בילד, א פארגלײַכעניש, דיִאלאָג־שורעס אאוו., וואָס ער האָט פון איין אָרט ארויסגעוואָרפן און אין אן אנדערן ווײַטן טייל פונעם זעלבן ווערק אָדער אמאָל אפילע אין אן אנדער בוך זײַנעם ארײַנגעשטעלט; 5) ענדערונגען אין דער קאפיטל־נומעראציע, אין דער אײַנטיילונג פון אָפּזאצן, אין דער אינטערפּונקטואציע.

די באדײַטנדיקסטע, צאָלרײַכסטע ענדערונגען צווישן די צוויי רעדאקציעס פון גרויסן וואריאַנט זײַנען פון דעם מין, וואָס ווערן כאראקטעריזירט אונטער פּונקט 1: די סטיליסטישע, גראמאטיקאלישע און לעקסישע איבערארבעטונגען. מע קאָן זיי פעסט־שטעלן קימאט אין יעדער דריטער—פערטער שורע און אמאָל נאָך אָפטער. פאקטיש איז דאָס דער וועזנטלעכסטער כילעק צווישן דער אויסגאבע פון 1879 און פון 1907.

די טעקסטלעכע ענדערונגען, צוגאָבן און שטרײַכונגען זײַנען הויפּטזאַכלעך א רעזולטאט פון דער קאָמפּאָזיציאָנעלער איבערשטעלונג, וואָס מענדעלע האָט געמאכט, דערציילנדיק ביז צו וועלכן אָרט פון יִצחאָק אווראָם טאקעפּס ווידע דער מויכער־ספּאָרעמניק איז דערגאנגען, איידער ער האָט זי געהערט באַגלײַך מיט גאנץ „קאָהאָל“. די איבערשטעלונג גופא האָט ניט קיין וועזנטלעכן באַטײַט פאר דער קינסט־לערישקײַט פונעם ווערק. ער האָט דערמיט און מיט א ריי אנדערע קלענערע איבער־שטעלונגען געוואָלט פאריכטן די מאָנאָטאָנישקײַט, וואָס ליגט בעטעווע אינעם מינ „רעמל“־דערציילונג (אײַנגעשאכטלטע דערציילונג — א מײַסע אינ א מײַסע). דאָס רעמל ארום דעם טאָכ פון דער דערציילונג (דאָס וואָס מענדעלע דער מויכער־ספּאָרעמניק דער־ציילט וועגנ זיכ) איז אָבער סײַווי געבליבנ ניט געענדערט, אָנ פאבוליארישער פארב, האָבנ דעריבער די איבערשטעלונגען דאָ ניט געקאָנט עפּעס וועזנטלעכס פארבעסערנ. די דאָזיקע אָנשטרענגונג מענדעלעס מאכט ניט קיינ שום אײַנדרוק. פריִער איז די קאָמפּאָזיציע פונ דער פאבולע געווענ נאִיוו (פאבוליארישקײַט איז געוויינלעכ ניט מענדעלעס שטארקע זײַט). איצט איז דאָ צוגעקומענ בלויז די אָנשטרענגונג צו מאכנ די דערציילונג „ראָמאנהאפטיקער“. ס׳איז אָבער גענייט מיט ווײַסנ פאָדעם, און סע העלפט זייער ווייניק. די דאָזיקע אויסבעסערונג קאָנ מענ דאָ מעוואטער זײַנ (געמענדיק אינ באטראכט די נעגאטיווע מאָמענטנ פונ דער צווייטער רעדאקציע, אפ וועלכער מיר האָבנ פריִער אָנגעוויזנ) מיט א גרינג הארצ.

א טייל צוגאָבנ פונ דער צווייטער רעדאקציע זײַנענ דירעקט פארבונדנ מיט מענדעלעס קער אפ רעכטס. לעמאָשל: אפ ז. 47 פונ דער 1879־ער אויסגאבע שרײַבט מענדעלע: „ביימער, וואָס דער ווינט האָט מיט זיי געטרעשטשעט“. אינ דער אויסגאבע פונ 1907 גיט ער צו די מעטאפער: „ווי מיט א לולעווו“, קעדיי יִדישלעכער צו מאכנ, „מעגײַער“ צו זײַנ, די נאטור. אָדער: די האקדאָמע צו „דאָס קליינע מענטשעלע“ פונ 1879 (דאָרט אלס קאפיטל א), וואָס איז שפּעטער געוואָרנ דער ארײַנפיר צו אלע זײַנע ווערק, איז אינ דער אויסגאבע פונ 1907 באַ־דײַטנדיק גרעסער געוואָרנ, דעריקער דורכ דעמ, וואָס מענדעלע האָט דאָ ארײַנ־געפירט פארשיידענע לירישע רעפלעקסיעס, וועלכע דארפנ אזוי צו זאָגנ פּראָגראממא־טיש (ער האָט דאָכ די דאָזיקע האקדאָמע געמאכט פאר אנ ארײַנפיר צו אלע זײַנע ווערק) אָנמערקנ זײַנ באַציִונג צו דער „נאטור“. די דאָזיקע רעפלעקסיעס דארפנ באווײַזנ, אז די שיינקײַט פונ דער נאטור שטייט ניט אינ ווידערשפּרוכ צו רעליגיע, פארקערט, זי קאָנ און דארפ זי, לויט מענדעלעס דעמלטיקער מיינונג, אונטערשפּארנ און פארפעס־טיקנ. מענדעלע דערציילט דאָ ווי עס ציט אימ צו דער נאטור „עפּעס ווי אפּצעלאָ־כעס דאפקע אינ דער באשעפטיקונג מיט עפּעס ערנסטס, וויכטיקס; ווי מיט יִדישקײַט, אשטייגער, און מיט פארנאָסע־זאכנ, אינ דער מיט קידעש־לעוואָנע“ אאוו. ער וויל דערמיט זאָגנ, אז דאָס איז גוט אזוי, אז „קידעש־לעוואָנע“ שטייט ניט אינ ווידערשפּרוכ צו דער קוויקעניש מיט דער שיינער נאטור, פארקערט, איינס מיטנ אנ־דערנ איז פארבונדנ. אינ די דאָזיקע רעפלעקסיעס ברענגט מענדעלע אזעלכע בילדער: „איכ זע פאר מיר א לויפנדיק, מורמלדיק וואסערל, שטאָלצ שווימענדיקע גענדז, עס ווייעט א ווינטל, עס שושקענ זיכ הויכגעוואקסענע „טשערעט“ (צו באמערקנ: די אויס־



טיילנדיקע גענדזנפּיסלעכ צומ סלאוויזמ „טשערעט“! — מ. ו.), עס שווענקט זיכ, עס שפּיגלט זיכ א הוישײַנע־ביימל (א קלעריקאלישע באצייכענונג, וואָס דארפ „מעגײַער“ זײַנ די „נאטור“ — מ. ו), אָנבייגנדיק זיכ מיט די צווײַגלעכ אינ וואסער“ אאוו. — קורצ: רעליגיע און „נאטור“ זײַנענ ניט קיינ ווידערשפּרוכנ, ווײַל די נאטור איז „גאָטס קונציק שיינ ווערק“.

ס׳איז קלאָר, אז אויכ פונ אזעלכע אויסבעסערונגענ, אויסמעקונגענ און צוגאָבנ, ווי די נאָרוואָס דערמאָנטע, קאָנענ מיר זיכ אָפּזאָגנ. מענדעלעס ווערק פארלירט דורכ דעמ ניט, פארקערט, סע געווינט דורכ דעמ, וואָס סע בלײַבט אזוי ווי ס׳איז געווענ אינ יאָר 1879.

מיר דארפנ אָבער אויכ פארצייכענענ, אז אינ דער רעדאקציע פונ 1907 איז פאראנ איינ וויכטיקע אויסמעקונג פונ אנ אנדערנ מינ ווי די, וואָס מיר האָבנ ערשט וואָס כאראקטעריזירט. אינ דער צווייטער רעדאקציע האָט מענדעלע אויסגעמעקט דעמ עפּיזאָד מיט יִצחאָק אווראָמס זונ פונ זײַנ ערשטער פרוי, וועלכער האָט אָנטייל גענומענ אינ דער קרימער מילכאָמע און האָט זיכ דאָרט געוואלדיק פּאטריאָטיש אופגעפירט. דער דאָזיקער הויכ־פּאטריאָטישער און טרײַ־אונטערטעניקער עפּיזאָד איז אי־נעמ ערשטנ וואריאנט פונ 1864 — 1865 ניט פאראנ געווענ; מענדעלע האָט אימ ערשט ארײַנגעשטעלט — מינאסטאמ אונטער דעמ אײַנדרוק פונ דער טרײַ־אונטערטעניק־פּאטריאָטישער כוואליע בייס אָדער נאָכ דער רוסיש־טערקישער מילכאָמע — אינעמ טעקסט פונ דער 1879־ער אויסגאבע. אינ דער אויסגאבע פונ 1907־טנ יאָר האָט מענ־דעלע דעמ דאָזיקנ רעאקציאָנערנ עפּיזאָד ווידער צוריק אויסגעמעקט. אינ דעמ פּעריִאָד האָבנ שוינ אפילע א טייל בורזשואזע יִדישע שיכטנ אופגעהערט צו גלויבנ אינ עמאנסיפּאציע פאר יִדנ דורכנ צאריזמ. דער צאריזמ האָט זיי שוינ טיפ אנטוישט, כאָטש זיי האָבנ ניט אופגעהערט בא פאסיקע געלעגנהײַטנ זיכ מיט אימ צו כיינדלענ און מיט אימ אײַנצוגיינ אפ די סאמע שענדלעכסטע קאָמפּראָמיסנ און אָפּמאכנ, איז אָבער אזא מינ נאִיווער און גראָבער הורא־פּאטריאָטיזמ, ווי סע קומט צומ אויסדרוק אינ יענעמ קליינעמ עפּיזאָד, שוינ אפילע פאר בורזשואזע אויערנ נאָכ די פּאָגראָמענ ארומ דעמ פינפטנ יאָר — געווענ לעכערלעכ, ווער שמועסט פאר מענדעלענ אינ יענער צײַט. דאָס איז די סיבע, פארוואָס מענדעלע איז אינ דער דאָזיקער דעטאל בא דער רעדאקציע פונ דער 1907־ער אויסגאבע געווענ פאָרשריטלעכער ווי אינ דער אויסגאבע פונ 1879 — לעהייפעכ צו דעמ ווײַט גרעסטנ טייל פונ די איבעריקע אויס־בעסערונגענ. די דאָזיקע איינציקע וועזנטלעכע, טאקע עמעסדיקע אויסבעסערונג, קאָנ אָבער ניט איבערוועגנ די ארגומענטאציעס, וואָס מיר האָבנ געבראכט לעטובעס דער אויסגאבע פונ 1879. דאָ האנדלט זיכ בלויז וועגנ — טאקע א שווער־וואָגיקנ — אָבער פאָרט נאָר אנ איינציקנ קליינעמ עפּיזאָד, וואָס איז לאכלוטנ ניט פארבונדנ מיטנ פאבוליארישנ אופבוי און סוזשעטישנ טאָכ פונ דער גאנצער דערציילונג, און איז בלויז אויבנופיק ארײַנגעקלעפּט געוואָרנ. וואָס שײַכ אָבער די זייער צאָלרײַכע ענדערונגענ, וואָס מענדעלע האָט געמאכט אפ יעדער דריטער פערטער שורע און אמאָל נאָכ אָפטער, דרינגענ זיי דורכ דאָס גאנצע ווערק און רירנ אָנ דעמ אורשפּרינגלעכנ כאראקטער (דעמ מענדעלשנ פונ

די 60־ער יאָר און 70־ער יאָרן) און א גאנצע ריי ווערטפולע שטריכן פון דעם דאָזיקן ווערק. —

מיר האָבן שוין באטאָנט, אז די איבערקאָנסטרויִרונג אין דער קאָמפּאָזיציע פונעם 1907־ער טעקסט איז פאר דער קינסטלערישקייט פונעם ווערק לאכלוטן ניט וועזנטלעך. מענדעלע האָט דאָ ניט אפסניי געשריבן די איבערקאָנסטרויִרטע ערטער, ער האָט דעריקער בלויז איבערגעשטעלט, איבערגרופּירט פארשיידענע שטיקלעך און פארשיידענע ערטער און צוגעשריבן בלויז די נייטיקע איבערגאנג־און פארבינדונג־זאצן. קעדיי דער לייענער זאָל האָבן א פאָרשטעלונג וועגן די ענדערונגען אין דעם פראט, האָבן מיר די כאראקטעריסטישע וואריִאנטן (פון די איבערקאָנסטרויִרונגען) געבראכט אלס צוגאָב אונטער די אנטשפּרעכיקע ערטער אינעם טעקסט.

באשטימטע ענדערונגען אין דער קאפּיטל־נומעראציע, אין דער איינטיילונג פון אָפּזאצן און אין דער אינטערפּונקטואציע, וואָס מענדעלע האָט געמאכט אין דער אויסגאבע פון 1907 — האָבן מיר פאר אונדזער טעקסט יאָ גענומען אין אכט. האלטנדיק זיך גענוי לויט דער אויסגאבע פון 1879, האָבן מיר זיך אין דעם דאָזיקן פראט דערלויבט נאָכצוגיין נאָכן טעקסט פון 1907, ווייל דאָס רירט ניט אָן און בייט ניט אפּ קיין האָר דעם טאָכ, און סע פארגרינגערט דאָס לייענען.

---

וואָס שייעך וואריִאנטן ביכלאל, האָבן מיר גענומען אין אכט בלויז די סאמע וויכטיקסטע. אונדזער אויסגאבע האָט זיך ניט געשטעלט די צילן פון אן אקאדעמישער אויסגאבע. דעריבער פארצייכענען מיר ניט אלע וואריִאנטן. סטיליסטישע, גראמאטיקאלישע און לעקסישע וואריִאנטן האָבן מיר ביכלאל ניט געבראכט. די וואריִאנטן ברענגען מיר געוויינלעך אונטערן אנטשפּרעכיקן טעקסט, אפן זעלבן זייטל, לויטן מוסטער פון א טייל דייטשע פּאָפּולערע קלאסיקער־אויסגאבעס. וואָרום אויב דער וואריִאנט זאָל דערגיין צום לייענער, אויב ער זאָל אויספירן דעם צוועק, צוליב וועלכן ער ווערט ביכלאל געבראכט, דארף ער אין א פּאָפּולערער אויסגאבע געבראכט ווערן טייקעף אפן אָרט.

---

וועגן טראנסקריפּציע פון די העברעיִשע ווערטער אין מענדעלעס טעקסט.

אין מענדעלעס טעקסטן זיינען פאראן ביז גאָר א סאך העברעיִזמען, באזונדערס אָבער אינעם טעקסט פון „מאסאָעס“ — צוליב די פּאראָדירנדיקע קאוואָנעס. בא דער יִידישער טראנסקריפּציע פון די העברעיִזמען איז אָפט שווער געווען צו געפינען די גרענעץ, ווו א וואָרט הערט אוף צו זיין א העברעיִזם און הייבט אָן צו זיין פּאָשעט א פרעמדשפּראַכיקע (העברעיִשע) ציטאטע. דעריבער איז אויך אָפט שווער געווען פעסטצושטעלן, ווו ס'איז נייטיק אזעלכע ווערטער צו טראנסקריבירן לויטן יִידישן און ווו לויטן העברעיִשן אויסלייג. ס'איז לאכלוטן איבעריק צו אדאָפּטירן דורך א יִידישער טראנסקריפּציע אזעלכע העברעיִשע עלעמענטן, וואָס געהערן בעפּייִרעש ניט צו דער יִידישער שפּראך און וואָס ווערן פון מענדעלען באוווסטזיניק געבראכט אלס א.ג. מאקאראָניזמען. פון דער אנדערער זייט אָבער האָבן מיר ניט געטאָרט צופיל איבער־



לאָדן דעם טעקסט מיט ארויסשטארצנדיקע העברעיִש־טראנסקריבירטע זאצן, וואָס וואָלטן ביז גאָר פארשווערט דאָס לייענען: פאר זיך גענומען האָבן מיר ניט קיין שום סיבע אָפּצוהיטן די ריינקייט פונעם העברעיִשן אויסלייג.

מיר האָבן דעריבער אָנגענומען אלס פּרינציפּ: ווי ווייט מעגלעך זיך דאָ צו האלטן בא דער יִידישער טראנסקריפּציע. באזונדערס ווו סע גייט וועגן איין אָדער צוויי ווערטער. סיידן אין יענע פאלן, ווו דער ציטאטן־כאראקטער איז א דייטלעכער און בולטער און דאָס וואָרט איז אויך, אין מענדעלעס צייטן ניט באקאנט געווען די ברייטסטע יִדיש־ריידנדיקע מאסן. גאנצע העברעיִשע זאצן האָבן מיר געוויינלעך געבראכט אין דער העברעיִשער טראנסקריפּציע, קעריי אָנצווייזן אפ זייער אנדערש־שפּראכיקן כאראקטער. די יִידישע טראנסקריפּציע פון די דאָזיקע זאצן האָבן מיר געבראכט צום סאָף פונעם בוך אינעם צעטל וואָרט־דערקלערונגען.

---

דעם צעטל וואָרט־דערקלערונגען האָט כ׳ מ. הער זיך באמיט צו מאכן אפן ברייטסטן אויפן. אָן דער ברייטסטער וואָרט־דערקלערונג בלייבט פארן גרעסטן טייל פון אונדזערע לייענער מענדעלעס טעקסט ניט צוטריטלעך. אונדזער סאָוועטישע יִדישע שפּראך האָט זייט דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע דורכגעמאכט א גוואלדיקע אנטוויקלונג, וועלכע שמועסט ערשט אויב מע זאָל זי פארגלייכן מיט מענדעלעס שפּראך. אין אונדזער סאָוועטישער שפּראך איז שוין לאנג ארויס פון געברויך דער ווייט־גרעסטער טייל פון מענדעלעס העברעיִזמען (אָפּגערעדט פון די אויסגעשפּראָכענע „מאקאראָנישע“ העברעיִשע פּראזעס) און אויך זייער א גרויסע צאָל אלטע דורכויס יִדישע ווערטער, וואָס מענדעלע באנוצט אין זיינע ווערק. זיי נייטיקן זיך אומבאדינגט אין א דערקלערונג. דעריבער האָט כ׳ מ. הער אויך געגעבן א דערקלערונג פאר א טייל עלטערע יִדישע ווערטער. ער האָט אויך דערקלערט די פארשיידענע שטייגערישע, היסטאָרישע, רעליגיעזע און אנד. טערמינען, קעדיי מענדעלעס געזעלשאפטלעך־קריטישע סאטירע זאָל זיין פארשטענדלעך פארן לייענער. אָן אזעלכע דערקלערונגען וואָלט פאר זייער א גרויסן טייל לייענער געבליבן אומקלאָר, קעגן וואָס מענדעלע האָט מיט זיין סאטירע געקעמפט. אין יענע פאלן, ווו מענדעלע אליין טייטשט אויס באשטימטע, צוליב פּאראָדיע געבראכטע, העברעיִשע זאצן אָדער ווערטער — ווערט אינעם צעטל וואָרט־דערקלערונגען די אויסטייטשונג ניט געגעבן, און בלויז געבראכט די יִידישע טראנסקריפּציע פונעם העברעיִשן זאץ אָדער וואָרט. אין אלגעמיין אָבער איז דאָ געווען דער פּרינציפּ: וואָס מער דערקלערונגען, אלץ בעסער פארן לייענער.

די דערקלערונגען גופא ווילן געבן ניט מער ווי א קורצגעפּאסטע איבערזעצונג לויטן זין און אינהאלט פונעם געגעבענעם וואָרט. פון עטימאָלאָגישע און ביכלאל ברייטערע דערקלערונגען האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט, ווייל בא דער גרויסער צאָל פון טייטשן וואָלט דאָס צו ווייט פארפירט און פארנומען מער אָרט, ווי ס'איז פאר דעם צוועק באשטימט.